# משיחת ש״פ תולדות תשכ״ח

אויפן פסוק ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות (כז, א) שטעלט זיך רש"י אויפן ווארט "ותכהין" און ברענגט דריי פירושים: בעשנן של אלו (שהיו מעשנות ומקטירות לעבוד"ז), ד"א כשנעקד ע"ג המזבח והי׳ אביו רוצה לשחטו באותה שעה נפתחו השמים וראו מלאכי השרת והיו בוכים וירדו דמעותיהם ונפלו על עיניו, ד"א כדי שיטול יעקב את הברכות.

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "לא ידעתי יום מותי" און איז מפרש: א"ר יהושע בן קרחה אם מגיע אדם וכו׳.

דארף מען פארשטיין: פארוואס דארף רש"י אנקומען צו א ביאור פארוואס עס איז געווען ותכהין, בשעת אין פשטות הכתובים שטייט בפירוש אז דאס איז געווען ווייל כי זקן יצחק, און אזוי זעט מען אויך בפשטות אז בשעת מען ווערט אלט - ניט פאר קיינעם געדאכט - ווערט שוואך דער חוש הראי׳, וכמ"ש (בראשית מח, י) ועיני ישראל כבדו מזוקן.

אויך איז ניט פארשטאנדיק די צווייטע פירש"י, פארוואס דארף רש"י אנקומען צו א ביאור פארוואס "לא ידעתי יום מותי", בשעת אין פשטות הכתובים איז משמע אז דאס איז פארבונדן מיט "כי זקן יצחק", אז וויבאלד ער איז געווען אלט, האט ער אנגעהויבן פארלירן די כחות, האט ער דערפאר געזאגט לא ידעתי יום מותי.

אויך איז ניט פארשטאנדיק אין דעם ערשטן פירש"י, פארוואס דארף רש"י אנקומען צו דריי פירושים און איז זיך ניט מסתפק מיט איינע פון זיי.

און אויך אין דעם צווייטן פירש"י, פארוואס דארף רש"י זאגן אז דאס זאגט ר׳ יהושע בן קרחה, וכמדובר כמה פעמים, דארף דאס אלץ זיין מוכרח פון פשטות הכתובים.

(וויבאלד עס איז שפעט, וועט מען בלויז ריידן אויף די ערשטע רש"י ובקיצור, און די אנדערע וועט מען ריידן בהתועדות הבאה), וכמו שיתבאר לקמן.

ד. דער ביאור אין דעם: בשעת מ׳לערנט דעם פסוק, ווערט גלייך א שטארקע קשיא: ווי קען מען זאגן אז ותכהין עיניו איז מצד זקנה, יצחק האט דאך באקומען ברכות פון אויבערשטן, כמ"ש (כה, יא) ויברך אלקים את יצחק, וואלט דאך אפילו זקנה איס אויך ניט געדארפט שאדטן, ובפרט אז אין יענע צייטן איז דאך קכ"ג שנים - ווי יצחק איז דעמאלט אלט געווען - איז ניט געהייסן קיין טיפע זקנה. ובפרט אז אפילו אברהם, וואס האט געלעבט מער, איז ניט געווען בלינד, און אויך שרה וואס האט געלעבט קכ"ז שנה, מיט פינף יאר מער, איז ניט אזוי געווען, און פאר-וואס פונקט ביי יצחק׳ן איז געווען אז ער איז געווארן א סומא, שסומא חשיב כמת (ואע"פ אז דאס ווייסט נאך ניט דער קינד, ווארום רש"י זאגט דאס ערשט אין פרשת ויצא (כח, יג), ווייסט ער אבער אז עס איז פאראן א סאך צער בשעת עס איז ניטא דער ענין הראי׳). בפרט אז ער האט באקומען דיברכות פון אויבערשטן אליין.

דאס וואס ביי יעקב׳ן איז געווען ועיני ישראל כבדו מזוקן איז מובן, ווארום ער האט דאך געהאט צער די גאנצע יארן מיט טלטול הדרך, ווי ער אליין האט געזאגט "מעט ורעים היו שני חיי וגו׳", און דערצו איז ער דאך שוין געווען אלט בשעת ער איז געווארן בלינד ווי יצחק בשעת ער איז געווארן בלינד, איז דאך לפי"ז ניט מובן אין פשטות הכתובים, אז צוליב זקנה זאל זיין ותכהין.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

דערפאר זאגט רש"י מצד בעטנן של אלו, און דעמאלט איז מובן פארוואס ותכהין אעפ"י אז ער האט געהאט א ברכה, וואס די ברכה ווערט מקויים נאר אויב עס מיטט זיך ניט אריין בחירת האדם, דא אבער האט זיך דאך אריינגעמישט אן ענין התלוי בבחירת האדם, האט דאס קאליע געמאכט.

ולפי זה קומט אויך אויס, אז ותכהין קומט בהמשך צו דעם וואס עס שטייט פריער "ותהיין מורת רוח ליצחק ולרבקה", אז ותכהין איז געווארן צוליב ותהיין מורת רוח, אעפ"י אז אויך אן דעם קען רש"י ניט פרעגן למה נסמכה צו ותהיין וגו', ווייל לפועל איז דאס געווען נאך ותהיין (און קיין אנדערע סיפורים וואס האט פאסירט אין צווישן, דערציילט ניט די תורה). בשעת אבער מ'קען זאגן אז דאס קומט בהמשך, איז דאס געשמאקער.

דער פירוש איז אבער ניט מספיק, והטעם לערנען מפרשים ווייל לפי זה האט דאס אויך געדארפט זיין ביי רבקה'ן, ווארום עס איז דאך געווען מורת רוח אויך צו רבקה'ן.

מ'קען אבער אזוי ניט לערנען, ווייל דא גייט דאך ניט די תורה דערציילן וואס די מורת רוח האט גע'פועל'ט, דא דערציילט די תורה נאר בנוגע להברכות, ווארום דוקא דורך דעם האט יעקב געקענט אויסנארן די ברכות, דערציילט דאס די תורה. עס איז אבער ניט נוגע צו דערציילן אז אזוי איז אויך געווען ביי רבקה'ן, ובמילא אפילו אויב עס וואלט געווען אזוי ביי רבקה'ן אויך, וואלט די תורה סיי ווי דאס ניט דער-ציילט.

ועוד: אויב דער ותכהין איז געקומען צוליב דעם עשן, האט דאך רבקה געקענט אוועקגיין פון שטוב, און דערפאר האט דאס איר ניט גע-שאדט, יצחק איז אבער געווען כלוא בבית, ווי רש"י זאגט (שם) (איננו ברור), במילא האט דאס אים געשאדט.

די שוועריקייט אין דעם פירוש איז: עפ"י פשטות האבן דאך די נשי עשיו געהאט א באזונדער שטוב, - און אזוי זעט מען אויך פון דעם וואס רש"י (כז,טו) זאגט אז די בגדי החמודות האט עשיו באהאלטן ביי רבקה'ן און ניט ביי נשיו, זעט מען דאך אז זיי האבן געהאט באזונדערע בתים - הייבט ווי האט זייער עשן געקענט שאדן יצחק'ן וועלכער איז געווען ביי זיך אין שטוב.

דערפאר ברענגט רש"י דעם פירוש אז עס איז געווארן פון די דמעות המלאכים. אט דער פירוש איז אבער אויך שווער, ווייל די עקידה איז דאך געווען בשעת יצחק איז געווען ל"ז שנים, איז ער דאך געווארן בלינד א סך פאר "כי זקן", וואלט דאך אויב אזוי געדארפט שטיין פריער ותכהין עיניו און דערנאך ויהי כי זקן יצחק. דערפאר איז אויך אט דער פירוש שווער, און רש"י מוז אנקומען צו א דריטן פירוש.

אעפ"י אז בכלל, בשעת אויך דער צווייטער פירוש איז שווער, קערט זיך רש"י אום צום ערשטן פירוש. דא אבער קערט זיך רש"י ניט צוריק צום ערשטן פירוש, - און דא קומט צו א נייער כלל, אז בשעת עס איז פאראן די זעלבע קשיא אויפן ערשטן פשט, דעמאלט מוז מען אנקומען צו א דריטן פשט

ווארום



הנחת הת' בלתי מוגה

וואָרום אויך לויטן ערשטן פשט איז שווער די זעלבע קשיא ווי אויפן צווייטן, וואָרום עשיו האָט דאָך חתונה געהאַט כשהי' בן ארבעים וכשהי' יצחק בן ק' שנה, און דעמאָלט האָבן זיי שוין מעשן געווען לע"ז, איז דאָך שוין דעמאָלט געווען ותכהין, וואָלט דאָך אויך לפירוש זה געדאַרפט שטיין ותכהין פריער און דערנאָך ויהי כי זקן יצחק.

דערפאַר זאָגט רש"י א דריטן פשט, כדי שיטול יעקב את הברכות. דאָס אַליין איז אָבער אויך ניט מספיק, וואָרום עס איז שווער צו זאָגן אַז כדי יעקב זאָל נעמען די ברכות זאָל יצחק בלינד ווערן - עס איז דאָך הרבה אופנים למקום, ובפרט אַז יצחק האָט געהאַט א ברכה, כנ"ל.

דאַ קומט אויך אַרויס א הוראה בנוגע ניט ריידן שלעכטס אויף א אידן. דלכאורה פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט מאַכן יצחק'ן א סומא, און אים מצער זיין. דער אויבערשטער האָט געקענט דערציילן יצחק'ן אַז עשיו איז א רשע, וואָלט ער אַליין ניט וועלן אים בענטשן. ובפרט אַז סיי ווי האָט שוין יצחק פאַרשטאַנען אַז עשיו איז א רשע פון דעם וואָס זיינע פרויען היו מעשנות וכו', מער ניט וואָס יצחק האָט געקענט טראַכטן האָט עס קען זיין אַז זיי האָבן אים ניט געוואָלט פאָלגן - פונדעסטוועגן האָט אים דער אויבערשטער ניט מגלה געווען,

זעט מען דאַ ווי מען טאָר ניט ריידן לשון הרע, ביז אַז דער אויבערשטער האָט אַפילו געמאַכט יצחק'ן פאַר א סומא בכדי ניט דאַרפן ריידן לשון הרע אויף עשיו'ן, אעפ"י אַז דאַרטן האָט זיך געהאַנדלט וועגן געבן עשיו'ן די ברכות, און ניט נאָר בנוגע תפילין, פונדעסטוועגן האָט ער ניט גערעדט לשון הרע. וכ"ש אַז מ'טאָר ניט ריידן סתם אויף אַ אידן, ובפרט אַז עס איז לאחר מתן תורה, שכנ"ל: כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, און אויך א חלק אין די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקינו.

* * *

# משיחת ש״פ וישלח תשכ״ח

ה. איצטער – בנוגע די רש"י וואס מ'האט גערעדט פאר צוויי וואכן. מען האט זיך געשטעלט אויף דעם וואס רש"י ברענגט אויף ותכהין (כז, א) דריי פירושים. ומובן אז אעפ"כ כללי רש"י זיינען פאראן ווייניק, איז אבער מובן מעצמו, אז בשעת רש"י איז זיך ניט מסתפק מיט צוויי פירושים און מוז אנקומען צו א דריטן פירוש, מוז זיין א קשיא וועלכע איז סיי אויפן ערשטן פירוש און סיי אויפן צווייטן פירוש, און דערפאר דארף רש"י אנקומען לפירוש שלישי, ועד"ז ברש"י זו (כדלהלן).

מען האט גערעדט אז אין תפשטות שטייט קלאר אין פסוק פארוואס ותכהין – ווייל "ויהי כי זקן יצחק", ע"ד ווי עס שטייט ביי יעקב'ן "ועיני ישראל כבדו מזוקן", איז פארוואס דארף רש"י זוכן אין א פירוש?

האט מען גערעדט, אז עפ"י פשטות קען מען ניט זאגן אז דאס איז מצד זקנה, ווארום יצחק האט דאך באקומען א ברכה פון דעם אויבערשטן, ובמילא איז ניט מסתבר צו זאגן אז דערנאך זאל זיין "ותכהין"; עס איז דאך היפך הברכה, און עס האט געדארפט זיין ווי ביי משה'ן, "לא כהתה עינו וגו'", אז עד האט געדארפט זיין בשלימות, ובפרט ניט בענין כזה, דסומא חשיב כמת.

דערפאר זאגט רש"י, אז דאס איז געווען מצד עשנן של אלו שהיו מעשנות ומקטירות כו', און וויבאלד עס האט זיך אדיינגעמישט ענינים וואס בני אדם האבן געטאן אין דעם, האט דאס צוגענומען פעולת הברכה. וואס די ברכה איז בלויז ווי עס איז מצד עצמו, אן אריינמישן אנדערע ענינים.

דער פירוש איז אבער ניט מספיק, און מפרשים לערנען אז דאס איז ווייל לפי זה האט דאס געדארפט זיין אויך ביי רבקה'ן, ווארום מורת רוח איז דאך געווען אויך צו רבקה'ן, און אין תורה געפינט מען ניט אז אויך רבקה איז געווען בלינד.
דעמאלט

הנחת הת' בלתי מוגה

דעמאלט האט מען אפגעשלאגן די שאלה מיט דעם אז עס קען טאקע זיין אז אויך רבקה איז געווען "ותכהין". די תורה זאגט עס אבער ניט, ווייל עס איז ניט נוגע אין דער פועה, - דאס וואס עס שטייט בנוגע ליצחק, איז דאס ווייל עס איז נוגע צו דעם סיפור וואס די תורה וויל דא דערציילן, אז ווייבאלד "ותכהין עיניו" האט יעקב געקענט נעמען די ברכות. עס איז אבער ניט נוגע וואס עס איז געווען מיט רבקה'ן.

די קשיא איז אבער נאר אויב מ'וועט פרעגן סתם אזוי פארוואס געפינט מען ניט אז אויך רבקה איז געווען בלינד, מ'קען אבער פרעגן אנדערש - אז פון פשטות הכתובים איז משמע אז רבקה האט יא געקענט זען, ווארום זי איז ארומגעגאנגען און גערעדט מיט יעקב'ן וכו' און זי האט געוואוסט ווער עס איז יעקב וכו' און זי האט געמאכט דעם מאכל פאר יצחק'ן - איז משמע אז זי האט געקענט זען. איז אויב מיר זאלן זאגן אז דאס איז געווען מצד עשנן של אלו, האט עס דאך געדארפט פועל'ן אויך אויף רבקה. און מצד אט-די קשיא (באופן כזה) זאגט רש"י א צווייטן פירוש.

אויך איז שווער אויף פירוש הראשון: בפשטות האט עשיו גע-וואוינט אין א באזונדער בית, וכדמשמע מזה שכתוב "אשר אתה בבית", אז ער פלעגט האלטן ביי רבקה'ן זאכן, ער האט אבער געהאט א באזונדער הויז, איז ווי האט דאס געקענט פועל'ן על יצחק?

דעריבער ברענגט רש"י פירוש הב', אז ער איז בלינד געווארן ע"י דמעות המלאכים ביי דער עקידה. אט דער פירוש איז אבער שווער - און אט די קשיא איז אויך אויפן ערשטן פשט: לפי זה קומט אויס אז "ותכהין" איז געווען פאר "כי זקן יצחק"; לויטן פירוש הא' איז דאס געווען בעת יצחק איז געווען ק' שנה (ווארום עשיו נולד כשהי' יצחק בן ששים, ובן הרבעים נשא עשיו כו'), און בשעת די תורה זאגט כי זקן יצחק איז יצחק געווען קכ"ג, וכפירש"י, ולפירוש הב' איז דאס געווען ביי די עקידה, כשהי' יצחק בן ל"ז שנה - האט לפי זה געדארפט שטיין פריער והכהין און דערנאך ויהי כי זקן יצחק.

דערפאר מוז מען אנקומען לפירוש הג' (און מ'קען ניט צוריקגיין לפירוש הא'), אז דאס איז געווען בכדי שיטול יעקב את הברכות.

אט דער פירוש איז אבער ניט מספיק, ווארום עס איז שווער צו זאגן אז צוליב דעם זאל מען מאכן אז יצחק זאל ווערן בלינד אויף אלע יארן, נ"ו שנים שאח"כ, ובפרט אז סומא חשיב כמת. אי יעקב האט געדארפט נעמען די ברכות, איז דאך הרבה זויים למקום, האט ער דאס געקענט טאן באופן אחר,

ובפרט אז עס איז געווען א גרינגער אופן - אז מ'זאל דערציילן יצחק'ן ווער עשיו איז, וואלט יצחק אליין געגעבן די ברכות צו יעקב'ן.

אעפ"י אז עס איז פאראן א הוראה מזה, ווי מען האט גערעדט, אז מ'דארף ניט ריידן קיין שלעכטס אויף א אידן, וואס דערפאר האט דער אויבערשטער ניט דערציילט יצחק'ן ווער עשיו איז, איז אה"נ אז מ'האט פון דא א הוראה - עס איז אבער ניט קיין יושר אז יצחק זאל בלייבן א סומא כל ימיו?

דעריבער מוז מען אנקומען לפירוש הא' והב'.

ועד"ז